STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02446

DER HAZEN

H. D. Gildenblatt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02446-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657024468T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער חזן

און

אַמענש אָהן אַהאַרץ

צוויא ערצאהלונגען

פון ח. ד. גילדענבלאַט.

ווילנא

שנת תרנ"ז לפ"ק

КАНТОРЪ.

и Человѣкъ безъ сердца.

Два разсказа Д. І. Гильденблата.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. [illegible]

1.

דאָס מזל.

— ט , אַחַץ !

— נ—נו , אַשְׁטִיקֶע !

— כִּמְעַט וויא דֶער בַּעַל-הַבַּיִתְ'ל .

— עֶט , אַפֶּערְגְלַייכֶעִים ! עֶר איז דָאךְ גָאר נִיט אִין אַיין אָרְד בֶּעסֶער אֲפִילוּ פוּנֶעם הַיינֶעריגֶען חַזָן .

— וָואס זָאל מֶען רֵיידֶען ? נָאךְ אַזַא חַזָן איז נָאךְ דָא נִיט גֶעוֶוען זִינְד „ביעדניאנסק" איז „ביעדניאנסק".

אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ דָאס גֶעוואוּנְדֶערְט , וָוען יקותיאל דֶער מְלַמֵד איז אָנְגֶעקוּמֶען אִין ביעדניאנסק און דֶעם עֶרְשְׁטֶען שַׁבָּת דָארְט גֶעדַאוֶונְט .

עֶס איז גֶעבְּלִיבֶּען בַּייא אַלֶעמֶען , מֶען זָאל אִיהם אויפְנֶעמֶען פַאר אַשְׁטָאדְט חַזָן , און חָאטְשׁ עֶר איז נָאךְ דַאמָאלְסְט גֶעוֶוען בֵּיוּנְגֶער מַאנְטְשִׁיק , דָאךְ זַיינֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת אַרָאפּ גְלַאט , וויא אויף פּוּטֶער , טַאקֶע וויא אַנְגֶעשְׁטֶער חַזָן , וָואס איז אַלְט און הָאט אַגְרוֹיסֶע בָּאָרְד .

— וואוּהִין לוֹיפְט אִיהר עֶס אַזוֹי גִיךְ ? — הָאט דֶעם עֶרְשְׁטֶען יום טוב נָאךְ יקותיאל'ס אָנְקוּמֶען אַהֶער גֶעפְרֶעגְט אַיין פְרוּמֶע מָארְגֶען אַיין יודינֶע בַּייא דֶער צְווייטֶער .

— אִין שׁוּהל אַרַיין , — אָנְטְפֶערְט דִיא צְווייטֶע , פֶּעךְ-

(דער הזן) ריכטענדיג

היכטעגדיג דער ווייל איהר ציפיק, וועלכען זיא האט אין דער היים אויף גיך אנגעטאהן און טאקע ניט וויא עס בעדארף צו זיין.

— אזוי פריה?

— היינט, פערשטעהט איהר מיך, וועט דאך זיין איינג, היינט וועט דאך דאבענען יקותיאל.

— יקותיאל וועט היינט דאבענען? אך, א מעשה אביסעל?

— וואס איז?

— איך האלט אויך וועלען געהן, נאר...

— נאר וואס? וויא גערהט מען עס ניט הערען יקותיאלין זיין דאבענען — עפעס אקליינינקייט!

— איך האב זיך אבער, דעם אמת זאגענדיג, נאך ניט איספראוועט אין קיך.

— ווייס איך? איך האב אלץ געלאזען אויף דער מאד, מיא עס וועט זיין — וועט זיין, הערען זיין דאבענען איז בייא מיר אסך טהייערער.

אט אזא מזל האט עס יקותיאל געהאט, אט אזוי איז מען דאס געלאפען הערען זיין דאבענען, און ניט נאר ווייבער אליין, אפילו מאנסביל, יודען מיט בארד — אלע האבען פון זיין שטימע געלעקט דיא פינגער, און איינג איז אלע מאל געווען אין דער גביר'ישער קלויז, ווען יקותיאל איז דארט געשטאנען ביים עמוד.

דיא קלויז, וואו יקותיאל האט דעם ערשטען מאל פערוואונדערט גאנץ ביעדניאנסק, האט זיך גערופען „דיא גבירעשע קלויז", ווייל דארט האבען געדאבענט דיא כבוד פון שטאדט, דיא סאמע פער, דיא זיידענע קאפאטעס, גבירים, אלטע מיוחסים און דער רב אליין. זייא אלע האבען זיך גערעכענט פאר גרויסע מבינים אויף אחזן, און וועלכער יוד איז דערויף קיין מבין ניט?

— אט דאס איז אחזן! — האבען אלע וויא אין איין קול געזאגט מיט התפעלות געהענדיג פון שול, — גאר אויף חדושים! נאר דאן האט איהם געגליקט אין אלעם, דאס מזל זאיז איהם

(דער חזן)

איהם פשוט אנטקעגען געגאנגען וואוהין ער האט זיך נאר געקעהרט אונ געווענדט . דאמאלסט איז ער געווען פון דיא גראסטע תלמידים אין שטאדט , אונ אין חדר ביא איהם האבען געלעהרענט דיא בייבסטע קינדער .

— וואו וועט לעהרנען אייער בערעל ? — האט איין שטאדט נגיד געפראגט ביים צווייטען בין הזמנים .

— מיין בערעל לעהרענט ביא יקותיאלין , — האט דער ערשטער געאנטפערט מיט גדלות .

— אונ איהר זענט עפעס פון איהם צו פריעדען ?

— וואס הייסט ? ! פאר וואס דען ניט ?

— ער איז טאקע עפעס אגוטער מלמד ?

— איהר האט נאך וואס צו פרעגען , וואס ? איהר ווייסט דען ניט , אז עס רעכענט זיך נאך פאר אכבוד — אוועקגעבען דאס קינד צו יקותיאלין אין חדר , אונ ער ווערט דארט , זאג איך אייך , גאר איין אנדער מענש .

אונ יקותיאל האט דאמאלסט טאקע געוואוסט , וואס ער לעבט אויף דער וועלט , עס איז ביא איהם געווען ערשט נאך דער חתונה , דאס ווייבעל האט איהם שטענדיג נאר אין דיא אויגען אריין געקוקט , האט פערגרייט צום עססען פון דאס בעסטע , געוואהנט אין אגרויסען הויז , גאר בעלי-בתיש , איז ארום געגאנגען ריין , פער פוצט .

— אזוי מוז מען , — האט יקותיאל דאן געטראכט , — מען האט צו טאהן מיט מענשען , מען געהט אריין צו נגידים , מוז מען לעבען וויא אמענש , אונ ארוים געהן וויא אמענש .

אונ דאס איז איהם דאן גאנץ לייכט געווען אויסצופיהרען , ניט אומזיסט טאקע האבען דאס לייט איהם מקנא געווען , נאר פערשוואונדען איז איצט שוין געווארען יענעם גליק צו זאמען מיט יענע יונגע , גוטע יאהרען , אונ זייא ביידע קעהרען זיך שוין ניט צוריק .

(דער חזן)

דיא

2.

דִּיא קָארְט בַּייט זִיךְ.

אִיצְט אִיז שׁוֹין יקותיאל נָאר אַ אָרֶעמֶער דַּרְדְּקִי מְלַמֵּד — אַזוֹי נִיעדְרִיג אִיז עֶר שׁוֹין גֶעפַאלְלֶען.

וֶוען דָאס וָואלְט גֶעשֶׁעהֶען מִיט אַמָאל, וָואלְט זִיךְ יקותיאל אֶפְשַׁר פוּן גְרוֹיס בִּזְיוֹנוֹת אַמַעֲשֶׂה אָפּ גֶעטָאן, אָדֶער דָאס הֶערְץ וָואלְט בַּייא אִיהם גֶעפְּלַאצְט פוּן גְרוֹיס פֶערְדְרוּסֶען, נָאר אוּנְזֶער לֶעבֶּען אִיז אַגְרוֹיסֶער, גֶעוּנִיטֶער גַנָּב, — בִּיסְלֶעכְוַויִיס גַנְבֶעט עֶס צוּ בַּייא אוּנְז אוּנְזֶער כָּבוֹד, אוּנְזֶער שְׁטַארְק, אוּנְזֶער יוּגֶענְד אוּנ אַלְלֶע אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת, מִיר בֶּעמֶערְקֶען עֶס אַלֵיין נִיט, מִיר שְׁטֶעלֶען אַלֵין אַפּוּס נָאךְ אַפּוּס אוּנ מִיר גֶעהֶען עֶס אַלְץ נִיעדְרִיגֶער אוּנ נִיעדְרִיגֶער, בִּיז מִיר קוּקֶען זִיךְ אַרוּם אוּנ דֶער שְׁרֶעקֶען זִיךְ פַאר זִיךְ אַלֵיין — אָ, מִיר שְׁמֶעקֶען שׁוֹין מִיט בֵּית־עוֹלָם בְּלֶאטֶער...

בִּיסְלֶעכְוַויִיס הָאט דָאס לֶעבֶּען גֶערוֹיבְּט בַּייא יקותיאל'ן זַיין כָּבוֹד, אוּנ אִיהם אַלְץ נִיעדְרִיגֶער גֶעשְׁטוֹיסֶען.

— וָואס טְהוּט מֶען? — זָאגְט אַיין מָאל בֵּין הַזְמַנִּים יקותיאל צוּ זַיין וַוייבּ — נפתלי הערש נֶעמְט אַרוֹיס זַיין אִינְגֶעל.

— פַאר וָואס?

— שׁוֹין צַייט, גֶענוּג, אָבְּגֶעלֶערְנְט בַּייא מִיר דְרַייא זְמַנִּים, וִויפִיעל נָאךְ?

— מַא וָואס זָשֶׁע זָארְגְסְט דוּ?

— אִיךְ קְלֶער נָאר ווֹאוּ נֶעמְט מֶען אַיין אַנְדֶערֶען.

— וֶוענִיג קִינְדֶער אִיז דֶען אִין בּיעדניאנסק?

— אָבֶּער נָאךְ אַזַא בַּעַל הַבַּיִת וִויא נפתלי הערש אִיז נִיטָא.

— נוּ, מֶען מוּז דָאס הָאבֶּען דַוְקָא נפתלי הערש'ן פַאר אַבַּעַל הַבַּיִת, קְלוֹנְס דֶער קַצָּב וֶועט דִיר אוֹיךְ גָאר נִיט בֶּעצָאהְלֶען.

(דער חזן)

און

און וואס שטערסט דיר ניט אן ? דוא דארפסט דווקא פון יתום, אנדערש לויגט דיר ניט. און זיין אינגעלע, זאגט מען, איז גראדע אוואויל קינד און אמתמיד.

— עט ! — האט יקותיאל אזוי געטאהן מיט פערדרוס.

— וואס עטקעסט דוא נאך אזוי ? דאס איז ניט אונארקעס אויסקלייבען קאן מען ניט. דער מאן זיך, איצטער בייא אזא הוצאהלע, אהן צין הרע, עס זאל פעהלען א אינגעל — עפעס אקליינקייט ! וואס זאל מען רידען ? ניטא שוין צאלליגע יאהרען.

זיא האט אזוי געטאהן, יקותיאל האט איהר געאנטפערט מיט אצווייטען, און מתיאש'דיג אמאך געטאהן מיטען האנד.

דאס ווייב איז גערעכט, און ער מוז פאלגען.

— זאגט מיר, ר' גרונם, פאר וואס נעמט איהר עס ארויס בייא מיר אייער חימקען, ער לעהרענט דאך בייא מיר ערשט צוויא זמנים, איהר זייט עפעס פון מיר ניט צו פריעדען, וועניג נאך אפשר געטאהן, אדרבה זאגט אין דיא אויגען.

— אום צו פריעדען — עט ! וואס האב איך צו אייך, אדרבה...

— טא פאר וואס זשע ?

— אט פערשטעהט איהר מיך, קעפעס קינדער לעהרנען בייא אייך היינט ? גרונם דעם קצב'ס, ישראל דעם שניידערס, און טאמער האט נאך געפעהלט, האט איהר איצטער נאך גענומען, שמואל דעם שוסטער'ס א אינגעל אויך.

— עס האט מיר, — פערשטעהט איהר מיך געפעהלט — האט יקותיאל קיים ארויס גערעדט און איז עפעס שטארק פערשעמט געווארען.

— אבער, איהר פערשטעהט דאך אליין, מיין קינד זאל געזונד זיין, זאל לעהרנען מיט אזעלכע חברים, קאן דאס ניט זיין.

און דאך האט יקותיאל שוין אלץ אויפגעהערט אויס צוא

(דער חזן) קלייבען

קליבען את געטויזט נעמען, וואס עס האט זיך נאר געמאכט.

עס איז אוועק נאך עטליכע זמנים. יקותיאל האט שוין געבארפט געהן צו שמואל דעם סוסטער פרעגען פאר וואס ער נעמט ביי איהם ארויס פון חדר זיין אינגעל.

— אייערע ליב הערציגע חדרים, — האט איהם געאנטפערט די בעל הביתטע, — וויא מען זאגט, אין דער ערד אויפ'ן דעק, און פינסטער און חושך, וויא אין גיהנ'ר.

— די בעלי בתים, פערשטעהט איהר מיך, — האט זיך יקותיאל גענומען פעראנטפערען, — ווילען ניט צאהלען קיין סך חדר געלד, ווען איך האב געוואלט דינגען עפעס אלייטישערען חדר, איהר געדיינקט? — האט איהר אליין מיר געזאגט, אז...

ער האט זיך אב געשטעלט אין מיטען די רייד.

— איצטער אבער, — האט דעם שוסטערס ווייב אונטער געסאפט, — האט זיך מיין חעלוועלע אזוי פערקיהלט, אז ער ליגט נאר טויט קראנק, גאט זאל נאר רחמנות האבען.

אזוי האט דאס אונגליק אריינגעטריבען יקותיאל'ן, דעם בעסטען מלמד פון ביעדניאנסק, אין איין איינגען פינסטערען חדר, וואו עס איז פינשטער, טשאדנע און רויבינ, וואו די לופט שטיקט, ווארגט אין האלדז און רייסט אין הערצען, און מוז נאך, וויא ער רעדט עס אויס, האלץ האקען מיט זיינע זרעבצעס, ער מוז רייסען די האלדז, שרייהען אגאנצען טאג מיט זיינע תלמידים, און וואס פאר אתלמידים, פערשטאפטע מוחות, פערדעשע קאפף, און פערקווירדיג! אנחויב זמן, ווען יקותיאל איז אריין אין חדר, וואס איז פיל ארגער פונעם פאריגען, און בעטראכט זיינע תלמידים, וואס זיינען קלענער און פיל ארגער פון די פריהערדיגע, האט ער נאך געמאכט אפרייהע מינע, וויא איינער, וואס ווארפט ארא פון זיך אשווערע משא, און געזאגט.

— היינטיגען זמן האב איך, געלויבט און געבאנקט איז זיין ליעבער נאמען, צו גויף געקריגען פאר פול.

דאס איז איהם שוין איצט אויך ניט אזוי גרינג אנגעקומען, און ניט אללע מאל האט זיך דאס איהם איינגעגעבען, דען איצט איז ניט נאר קיין כבוד ניט צו לערהרנען ביי איהם, נאר פיל האבען נאך העזה צו זאגען נאר אפען אז אפילו מיט קליינע קינדער, וואס הייבען ערשט אן אלף-בית קאן ער אויך ניט קנעלען.

— געווען אפפערדעל, — האט שוין איצט וועגען זיך אמאל יקותיאל אטראכט געטאן, נאר אויס געפאהרען זיך.

אויס געפאהרען זיך, און גאנץ ניעדעריג אראפ געפאהרען איז שוין יקותיאל אויך מיט זיינע חזניש. דיא צייט האט איהם אום געטריבען פון דער גבירישער קלויז אין חב"ד און פון דארט אין דער קצבי'שער אדער אין דער שניידערשער קלויז, דיא צייט האט שוין געבראכט דער צו דאס יונגע לייטלאך האבען פון איהם חוזיק געמאכט און קונדייסים האבען איהם אויס געלאכט אין דיא אויגען, נאר דאס לעבען האט איהם צלין געשטויסען צו מוזען אויפזוכען אנייעם עמוד, דאס לעבען האט איהם געבראכט, דער צו, ער זאל ווערען אדארף חזן. און דערצו האט ער שוין, באכט זיך, מזל געהאט: דארט וואו ער האט איין מאל געדאבענט זיינען זיינע תפילות אזוי גוט אנגענומען געווארען, אז ער האט שוין פערשפארט צוא דאבנען דארט נאך אמאל, דער פאר דאנקט נאך און לויבט יקותיאל דעם רבונו של עולם, ווען ער געפינט ערגעץ וואו ביי אישובניק איין עמוד, וואו ער קאן ווייזען זיינע בריה'שאפטען דיא היינטיגע חזנים אויף להכעים.

נאר ניט צו ליעב דעם האט זיך דער ארעמער יקותיאל נעבעך געשפארט צוא זיינע חזניש, ניט קיין גאוה, עקשנות אדער נארישקייט, זאנדערען דחקות, הונגער און נויטה האבען איהם צום עמוד געטריבען, ער איז שוין אמטופל מיט גרויסע און קליינע קינדער, דער קנעלונג ווערט שווערער, דיא שכר למוד — ווייניגער, און אנדערע צאהלען גאר ניט אפ.

— וואס טהוט מען? — טראכט זיך אלול צייט יקותיאל —

פון הנעלונג איז נים געבליבען אפפענית , אונ דא געהט אזא חודש , אזויא פיל ימים טובים , אזויא פיל געלד דארף מען , אונ וואו נעמט מען עס ?

אט דער פאר איז ער העכסט צו פריעדען ווען ער געפינט אישוב , וואו ער קאן זיין אבעל תקיעה אונ אחזן — האט ער פארט וואו צו זיין ראש השנה אונ יום כפור אונ עס בלייבט נאך עטליכע רובל פאר דער געזינד — איז אדאנק גאטט ! וויפיעל דארפען זייא ? — אחזן אבעל תבית — זאגט זיין ווייב — איז דיא הוצאה אסך קלענער . אמאל טראפט נאך , אז עס געפינט זיך אגוטער ישובניק נעמט ער איהם פון דיא ערשטע סליחות אונ האלט איהם דיא עשרת ימי תשובה אויך , אונ אז עס גליקט איהם גאר אב , פערהאלט מען איהם אין דארף איבערן גאנצען סוכות צו ליב דיא דיא הושענות , גשם , אדער גלאט עס פעהלט אצעהענטער , — טא וויא זאל יקותיאל טאקע נים זיין צו פרידען דערפון ? דען דאס לעבען איז אזא פאלשע דלילה הייסט שמשון הגבור'ס פרוי , וואס שארט אונז אפ אונזערע האר , נעמט צו אונזער גאנצען כח אונ שמייכעלט נאך דער בייא : „עס שאדט נים , חלעבען ; עס איז גאר קיין בייז נים , בנאמנות !" . . . —

3.

גויטה ברעכט אייזען .

יאהרען געהען , יאהרען קומען , דער ארעמער יקותיאל ווערט אלטער , ווערט קראנקער אונ שוואכער .

קליין , דאכט זיך , איז זיינע בעדארפעניש , אביין , אקנאכען , אשטיקעל לונגען פון שבת ביז שבת , אין מיטען וואך איז גענוג עטליכע קארטאפעל אציבעלע , אונ אז עס מאכט זיך נאך דער צו ווען עס איז אשטיקעל הערינג , איז גאר אגאנצער יום טוב .

— וויא פיל דארף דאס אייד עססען ? — פלעגט ער שטענדיג (דער חזן)

זאגען

זאגען — מען דארף נאר קאנגען די נשמה דער האלטען, מיט עפעס וואס איז שוין גוט, מען דארף עסען נאר בכדי כח צוא האבען צו קנעלען.

דאך האט ער נאך אלץ ניט געקאנט איינהאלטען זיינע כוחות, אונ זיא זיינען געווארען ווייניגער פון טאג, ער איז איצט ערשט 50 יאהר, וויא אלט אבער ער זעהט שוין אויס, וויא קראנק ער איז שוין איצונד.

— איך ווייס גאר ניט, וואס דאס איז מיט מיר, — האט ער זיך שוין בעקלאגט — עס שטעהט מיר עפעס אלץ אין הערצען, עס ווארגט מיר עפעס אלץ אין האלדז אונ דער הוסט — אך, דער הוסט! — ער רייסט ביי מיר אב האלבע יאהרען.

דאך דאבענט ער נאך...

ער דאבענט, האטש דער קול פון פיל יאהרען זינגענדיג אחמיד אונ פון ריידען מיט הערץ אין זיינע פערשטיקטע שמוציגע חדרים, — איז שוין געווארען משונה הייזעריג; ער דאבענט, האטש דיא יונגע כוחות האבען איהם שוין לאנג אין גאנצען פארלאזען.

ער האט שוין אליין גוט געפיהלט, אז מיט גרויס מאטערניס קומען איהם איצט אן זיינע תפילות, שוין גאר ניט דאס, וואס געווען, אונ דער פאר האט ער זיך אין דעם „הנני העני ממעש" געגאפען מיט טרערען, וויא א גיבור, אונ זיין געבעט איז, דאכט זיך, אנגענומען געווארען: גוט — שלעכט, מען פארט'ט אפ דעם דאבנען, ער נעהמט אפילו אוועק פון עמוד מעהר טוידט, וויא לעבעדיג, נאכדעם שטערען תענית אונ טורא'דיגען טאג ניט געקאנט אפילו אראפ שלינגען דיא ערשטע ביכעל בראנפען פון הבדלה.

— וואס איז עס, אייך? — האט איהם אפראג געטאהן דאן דער בעל הבית, וואס איז געווען איינער פון דיא גוטע ישובניקעס.

— גאר ניקט, — האט יקותיאל געאנטפערט, — דער טשאד פון דיא ליכט, דער שטויב פון דיא הייא, האט זיך מיר עפעס געלייגט אויפ'ן הערצען, אין דיא יונגע יאהרען, פערשטעהט איהר

מיך, האט דאס מיך וויניג וואס געארט, איצט אבער — א! וואס זאל מען ריידען? וואס מעהר מיט אטאג, ווערט מען עלטער מיט א׳אהר, נאר קיין בייז ניט. אט הויבט זיך אן די „שמחת בית השאבה״, מען איז דאך עפעס, לויב גאטט, חסידים, וואו מען איז אונ וואוהין מען קומט געפינט מען בראנפען אונ מען פערגעסט זיך אויף אללעס. נו, לחיים, — הלואי זאל גאטט ברוך הוא געבען אגוטע גמר חתימה, לחיים, — אזוי ענדיגט ער זיינע רייד, נעמט זיך פאר׳ן כוס, אונ שאקלע קיין בייז ניט, ער האט איהם שוין וויא עס איז אויס געטרונקען, אונ דאן פערגעסט זיך יקותיאל אויף אלע זיינע ווייטאגען. די שלעכטע ווייטאגען לאזען זיך הארען ערסט דאן, ווען מען זעצט זיך שוין קנעלען, נאר דאמאלסט איז שוין דא אנדערע דאגות, אנדערע צרות...

אט אזויא בארעט זיך, באנגעלט זיך דאס שוואכע מענשעלע מיט דער שטארקער צייט! — די צייט דער וויל טהוט זיך איהר׳ס: מאכט יקותיאל׳ן אלץ עלטער, שוואכער אונ קראנקער, אונ יקותיאל פון זיין זייט מאכט חוזק פון אזעלכע קלייניגקייטען אונ טהוט זיך זיינס — קנעלט אונ דאבענט...

4.

מען מוז ניט וואלענדרי׳.

— אך, ברידער! — האט צו קליחות געזאגט יקותיאל צוא די איבעריגע מלמדים, וואס אין ביעדניאנסק, — מען זאל ניט זינדיגען מיט די רייד, איך בין איך זעהר מקנא.

— אונזער הצלחה מסתמא, האט זיך ארויס געהאפט איינער פון זייא, איינגער מאנטשיק, וואס איז ניט לאנג געווארען א מלמד, אונ עס האט איהם נאך געגליקט.

— הצלחה, עט! איך האב אמאל אויך געהאט הצלחה, — וואס זאל מען ריידען? די וועלט איז אלייטער אונ די מענשען

געהען אויף איהר ארויף און אראפ.

— פערשטעהט זיך.

— אט וואס איך בין אייך מקנא, וואס איהר זייט קיין מאל ניט געוועזן קיין חזנים, גוט — שלעכט מאכט מען דאך יום טוב דאך קאנט איהר זיך אויס רוהען צגאנצען חודש, איך אבער — וואס זאל מען ריידען? איך רייס זיך איין אין דעם חודש האלבע יאהרען נאך מעהר איידער מיט'ן קנעלען אגאנצען זמן.

— און וואס איז? אלץ איינם דער זעלבער קבצ'ן.

— אלץ הייסט! גאר היינטיגען מאל וועל איך שוין, דאכט זיך, אויך אפרוהען.

— פאר וואס? עפעס חלילה ניט געזונד?

— א, וויא אלע מאל. איך בין דאך אלע מאל זעהר אשטארקע בריה.

— גאר ניסט, איהר ווייסט דאך וויא מען זאגט, פון גויט עסט מען ווייס ברוידט.

— ניטא קיין ישוב?

— נו.

— ניט געזוכט מסתמא.

— געזוכט, ניטא, און דיא זוכענים האט שוין מיר אויך דער עסהען דעם לעבען, וואס מאכט עס אויס? וואס גאט וועט געבען, דאס וועט זיין, איך וועל ניט געהן זוכען, — איך בין שוין צו געשטאנען.

— מיר דאכט, — האט זיך אפ גערופען איינער, — אז לוי יצחק דער פעטראוועקער האט נאך ניט קיין חזן.

— לוי יצחק דער פעטראוועקער? — האט יקותיאל איבער געבראכט — ניין, איך וויל צו איהם ניט געהן.

— וואס איז?

— איך קאן איהם, ער איז זעהר אהארטער, שלעכטער מענש, און וועט זיך ניט איבער צאהלען.

(דער חזן) אלץ

— אלץ בעסער אידער גאר ניקס.

— א, שפילט זיך מיט עם! ער קאן נאך דער נאך מאכען עפעס אפקבול און גאר ניט בעצאהלען, איך קאן איהם — גיין, איך וועל ניט געהן צו עם!

מיט דעם בעשלוס איז ער געקומען אהיים.

— וואס וועט זיין? — האט ביי איהם דאס ווייב אפפראג געטאהן.

— וואס וועט זיין? יום טוב וועט זיין, — האט ער קורץ געענטפערט.

— יום טוב וועט זיין! — האט דאס ווייב זיך צו שריען, — דא ניקט זיך בלוט, און ער חכמה'ט זיך נאך, — יום טוב וועט זיין! און דוא האסט שוין עפעס אפולע אנגעגרייט אויף יום טוב? איך זאל ניט זינדיגען מיט די רייד, מען דארף אזויא פיל, אונזער זיצט אין דער היים, וויא אליימענער גולם.

— וואס קאן איך טאהן?

— שטייטס „וואס"? לייט פערדינען איצטער, און ער האט די האנד פענאנדער געפיהרט, וואס איז? די וועלט איז אונטער געגאנגען, וואס? עס וואלגערען זיך נאך ניט אין די גאסען אזעלכע יונגען, וויא דוא, וואלסט נאך געקאנט זיין א גאנץ גוטער בעל תפלה — אויף מיר אזא יאהר.

ער איז אויך מודה דער צוא, ווען ניט, דער ווייטאג אין הערצען און די הייזעריגקייט, וואלט ער טאקע געקאנט זיין א גאנץ גוטער בעל תפלה, און וואס דארף מען האבען צו אמת גוט דאבענען? נישט מעהר דאך וויא א טרויעריגע נעמיטה און א צובראכענע הערץ, און דאס האט ער דאך גענוים... וואו נעמט מען אבער דעם בעלן?

— געהן צו לוי יצחקין? — טראכט ער זיך — אך, עס ווילט זיך זעהר ניט, וואס אבער קאן מען מאכען? דאס ווייב אבער איז דאך געבעך גערעבט, — מען דארף און מען מוז...

(דער חזן) ווילעגריץ

ווילנדיג ניט ווילנדיג איז ער פארט אוועק צו ר׳ [illegible] לוי יצחק האט געמאכט אקאלטע פנים.

— איך וועל דאבענען אין שטאדט, — האט ער געזאגט — דער מנין קאסט מיך בלוט, און צו וואס דארף איך עס?

— זאלט איהר געזונד זיין, ר׳ לוי יצחק, וואס רעדט איהר? ראשית, איז דיא שלעפעניש אין שטאדט ווערט דיא גאנצע געלד, לאזען דאס הויז אויף פרעמדע מאנד, מען איז דאך עפעס, לויב נאטט, אשטיקעל בעל הבית, פערלאזען אלץ אונטער דיא אויגען, וואס זאל מען ביידען? היינט דיא היזקות: דאס צו פרעגט זיך, דאס פערליערט מען, און טרייבען פערד, — עפעס אקליינינגקייט? און שנית, מען זאל זיך נוט אוים רעכענען, וויא פיל־וועט דאס אייך דער מנין קאסטען? קיין מענשען דינגען דארפט איהר דאך ניט, און וואס זאל מען זיך נארען? עס וועט אייך קאסטען אסך וואלוועלער.

לוי יצחק האט אליין אויך דער פון גאנץ נוט געוואוסט, און דער פאר האט ער זיך געלאזען איבער ביידען, נאר יקותיאל האט געטוזט ברוצה ווערען פאהרען צו איהם פאר העלפט שכירות, וויא ער האט גערעכענט.

— אז שוין אסוי, — האט לוי יצחק דערביי גערעדט וויא צו זיך אליין, וואלט איך שוין וועלען נעמען עפעס רעכטס, וויא מען זאגט, אז שוין עסקען חזיר; איז האטש פעטע.

דאס בלוט פון דיא פיאטעס איז יקותיאל׳ן צביין אין פנים ער האט געשווינגען.

— נו, וואס זאל מען וועלען? — האט לוי יצחק ווייטער גערעדט וויא צו זיך אליין, — אמענש אחן ציינער, אחן אפל און אחן כוחות.

— זייט רוהיג, ר׳ לוי יצחק, איהר וועט איה״ש פון מיר זיין העכסט צופרידען, איהר וועט זעהען איה״ש.

לוי יצחק האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט.

[illegible]

(דער חזן)

— גאר ניט, — האט יקותיאל ווידער געזאגט, — זאלט איהר מיר גאר ניט בעצאהלען.

— פיידען אזוי, — האט לוי יצחק קאלט ארויס גערעדט און יקותיאל'ן האט איהם ווידער גענומען צו זאגען און פערזיכערן, אז ער וועט אח״ש פון איהם זיין חעבקעט צו פריעדען.

אחעט געהענדיג פון לוי יצחק'ן האט איהם דאס הערץ נעהר געקלאפט און עס איז איהם געווארען זעהר אומעטיג.

— וואס זאל מען ביידען? פון אמירשען עק קאן מען קיין שידעלנעם פוטער ניט מאכען. אפילו מיט אביסעל בראנפען ניט מכבד געווען. דאס הערץ שרעקט מיך עפעס, עס ווילט זיך מיר זעהר ניט פאהרען, וואס אבער קאן מען מאכען? מען מוז ניט ווילענדיג...

אזוי האט ער געטראכט און מיט אצוברשאכענע הערץ און אשווערע געמיטה איז ער אוועק געפאהרען קיין פיעטראווקע.

5.

דער שטן האט זיך צו שפילט.

ויהי היום ויבא השטן, עס איז געקומען דער טאג מיט איהם אויך דער שטן; עס איז געווען ראש השנה. מען שטעהט שוין צוא תקיעות.

— מן המצר קראתיך! — שרייהט אויס יקותיאל. —

— פון דיא איינגענגים רוף איך דיך גאט! — זאגט אויף יודיש דיא טייטערשע רעבעצען.

אין שטוב איז געווארען אציטערנעם אגעוויין, נאר מעהר פון אלעמען האט יקותיאל געוויינט, ער האט נאך קיין מאהל אין זיין לעבען אזויא פיעל ניט געוויינט, און דיא אלע פסוקים האבען זיך ביא איהם מיט טייכען טרערען, מיט שטיקער פלייש און בלוט ארויס געריסען פון זיין פערביטערטער איינגער הארץ.

(דער המן)

לוי

לוי יצחק איז אביסעל ווייכער געווארען, צו צייטען קאן מען מיט טרערען אויך נעמען... נאר דעם שטן האט יקותיאלס טרערען ניט גערירט וויא עס איז געקומען צו תקיעות האט זיך דער שטן אנועק געשטעלט אין מיטען שופר — האטס טרעפני! ניט אהער און ניט אהין, און ניט אין שטאנד איז געווען דער שוואכער יקותיאל ארויס צו טרייבען פון זיין שופר דעם שטארקען שטן, און דער שטן האט זיך אזוי צוא שפיעלט, אז עס האט שוין ניט געהאלפען קיין זאך, אפילו קיין „ויהי נועם" און קיין „וידוי בלחש", דער שופר האט געראוועט וויא אנעקוילעטע בהמה אדער געהארכעלט, וויא אנוסס.

— אשלעכטער סימן, — האט זיך לוי יצחק געטראכט און שטארק מורא געהאט פאר אפינשטערען יאהר, דערפאר איז ער געווארען אויפגערעגט, שטארק אין כעס אויף יקותיאלן, וואס איבער איהם איז דיא גאנצע צרות, נאר נאך מעהר אין כעס און אום צופריעדען איז ער געווען, ווען יקותיאל האט שוין גענומען דאבענען מוסף. זיינע כוחות מיט זיין הייזעריגען קול האבען איהם דעם מאל זעהר מיאוס אפגענארט, נאך מעהר פון אלע מאל, דערצו איז דאס רב עולם געווען אלץ יונגע לייט, דארף-בחורים, עזות פנים'ער, און זייא האבען זיך געהאלטען אין דיא זייטען פון לאכען, אין שטוב איז געווארען לוסטיג, וויא שמחת-תורה.

אגאנצען טאג האט לוי יצחק מיט יקותיאלן ניט גערעדט, ער איז אומגעגאנגען אנגעבלאזען, ברוגז'דיג.

דער אונגליקליכער יקותיאל האט געהאפט, אז מארגען וועט ער מיט זיינע תפילות איבער בעטען דעם ברוגזדיגען בעל-הבית, נאר שטויב און ווינד איז דיא ענדע פון דעם מענשענס האפענונג...

אויף מארגען האט זיך דער שטן נאך מעהר פערנאנדער געשפיעלט, און דיא תקיעות מיט'ן מוסף זיינען געווען נאך ערגער.

נאר ניט אין איין ערך — שלעבט! לוי יצחק קאן געדיינקען, וואס מען האט אפגערעדט אז מען זאל איהם נאר ניט בעצאהלען, ער קאן איהם נאך מיט בזיונות ארויס טרייבען, אונ וואס וועט ער דאמאלסט טאן? וויא וועט ער קאנגען אהיים ווייזען דיא אויגען? ניט אזוי דיא בזיונות, נאר צוליב דעם ביטטערען גויט, וואס מען דארף אונ מוז... דער פאר אבער האט ער דיא גאנצע „עשרת ימי תשובה" געפאסט, געגעסען האט ער נאר אין אבענד, אונ דאס עסען איז איהם נאר אין האלדז ניט געקראכען, ער האט נאר נאט געבעטען ער זאל איהם העלפען אום יום כפור פערגלאטען זיינע חסרונות, ער זאל איהם געבען כוחות ארויס צו געבען זיך טאקע וויא אין דיא יונגע יאהרען.

אין איין אנדער צייט וואלט איהם לוי יצחק מוחל געוועזען דיא יום כפור'דיגע תפילות אונ וואלט איהם טאקע מיט בזיונות באלד פערטריעבען, נאר דעם מאל האט ער עס ניט געטאן, דיא תקיעות האבען איהם געשראקען, אונ ער האט מורא געהאט נאט דערי ווידער זיין, אונ דער פאר איז יקותיאל פערבליעבען אין פעטראווקע ווארטען מיט פיל שרעק אונ מיט אפערקלעמטעם הערץ אויף דעם מורא'דיגען טאג, ווען עס וועט אונטער געחתמעט דער גורל פון אלע מענשען.

אונ ער איז טאקע מורא'דיג געוועזען.

6.

דער יום הדין.

אין אבענד צו כל נדרי איז יעדער יוד אזוי פערציטערט, אז עס ליגט נאר ניט אין זינען דער חזן, — ווער חזן? וואס חזן?
(דער חזן) אבי

אפי מען נעמט ארויס פון ארון די ספרי תורות, מען זאגט כל נדרי און מען קלאגט די „יעלות“. צום סוף מעריב, צו „שמע קולנו“ האט זיך יקותיאל ווי ניט ווילענדיג דערמאנט אהן דער היים, אויף דעם דלות, הונגער און נויט, וואס געוואלדעוועט דארט, עס האט זיך איהם דער מאנט זיינע גרויסע טעכטער און קליינע קינדער, עס האט זיך איהם דער מאנט, אז באלד, באלד קומט אן דער אבזר, דער קאלטער ווינטער, און זיינע קינדער וועלען נאך, חוץ הונגער, דארפען ליידען קעלט, ער האט צוטראכט געטאן זיין קינפטיגען קנעלונג, און אקאלטער שוייס האט בעדעקט זיין שטערען. ווי אויף להכעיס האט זיך איהם פארגעשטעלט זיינע קינדער יאהרען, ווי טאטע–מאמע האבען איהם געהיט, פשוט געטרייסעלט זיך איבער איהם, און געהאפט אפולע נחת פון איהם צו דער לעבען... עס האט זיך איהם פאר געשטעלט זיין יוגענד, זיינע זיסע חלומות פאר דער חתונה, זיין רוהיגען לעבען באלד נאכדעם, און אלע זיינע האפפענונגען דאן... דאגעגען האט ער דערזעהען דעם עולם, וואס ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען, וואס ביי איהם אין הערצען קומט פאר, ער האט דערזעהען זייערע באלטע פנים'ער, ווי באלד, באלד וועט זיך ארויס גיצען א'שטייבעל, עס וועט ארויס ברעכען א געלעכטער... און דער פאר האט ער זיך צו „אל תשליכנו לעת זקנה“ אזוי צו קלאגט, אז אין זיין יעדער חליה האט זיך דאכט זיך געהערט, ווי פון הערצען רייסט זיך ארויס דיא געבעט „ניט פערלאז אונז, גאט, אויף דער עלטער“.

— היינט איז גראדע ניט שלעכט, — האט דער עולם געזאגט נאך די „ענינים“, —

— נישטקשה, — האט געאנטפערט אויך לוי יצחק, און קיינער האט גאר ניט געוואוסט, אז פאר דעם ניט שלעכטען מיינונג האט דער אונגליקליכער יקותיאל אוועק געגעבען זיינע לעצטע כחות, קיינער האט גאר ניט בעמערקט ווי בלאס און טויט ער

האט זיך קוים אוועק געריקט פון עמוד און זיך אוועק געלייגט אין אווינקעל אויף די פערבעטע היי, וואס איז שוין געווען צוריבען און צו טראטען.

ער איז אנטשלאפען געווארען, נאר אין חלום האט יקותיאל אויך קיין נחת ניט געהאט וויא אויפען וואהר, ער איז אין חלום אויך געניג פערמאטערט געווארען, וויא וואכענד. ער האט עפעס געזעהען ארום זיך זיין ווייב און זיינע קינדער, זייא שטעהען ארום איהם, יאמערען עפעס און קלאגען און ער געזעגענט זיך מיט זייא, ער פערלאזט זייא עלענדע, און אליין לאזט ער זיך עפעס אוועק אין אווייטען וועג... ער האט עפעס דער זעהען זיין טאטען, זיין מאמען און נאך פיעל יודען בעקאנטע און ניט בעקאנטע, עס געהען עפעס קעגען איהם, זייא פרייהען זיך עפעס מיט זיין קומען. נאכדעם האט זיך איהם עפעס אזוי ביטערליך געוויינט, נאר אהן איין אויפהער... און געוויינט האט ער אזוי אין שלאף, אז ער האט שוין כמעט נאר קיין כח ניט געהאט אויפצו שטעהן.

מען האט זיך שוין געשטעלט דאבנען שחרית, דער רוישונג פון עולם האט איהם אויפגעוועקט, ווען ער האט די אויגען גיעפענט, האט ער גאר ניט געוואוסט אויף וואסער וועלט ער איז, נאר באלד האט ער דערזעהען לוי יצחק'ן. און ער האט זיך דערמאנט וואו ער איז און וואס ער האט דא צו טאהן.

מען דאבענט שוין מוסף, יקותיאל האט שוין אב געזאגט די ערסטע ברכות פון שמונה עשרה, דער עולם האט שוין געהאט פון וואס צו לאבען.

— עפעס וויא אאידענע גייט צו קינד, — האט אזאג געטאן איינער.

— אקול פון אזויערען בוריק, — האט געאנטפערט א צווייטער.

(דער חזן) מיאו

— מיאו — האָט איבער געמישט אַ דריטער און געטאָן מיאַקען וויא אַקאַץ.

— אַהאַלבּז פון אַזולל וסובא, און אַקול פון אַשטומען, — האָט זיך אַריינגעמישט אַפּעטער.

— נו, אַך! — האָט רוי יצחק מיט בּעם געקוועצט מיט דיא פּלייצעס און געאייקעט.

אַלע האָבּען געלאַכט. יקותיאל איז געווען שטאַרק אויפ־געריגט, אין כּעס, און דערצו דיא מורא „מען זאָל איהם חלילה גאר ניט בּאַצאָלען“ האָט איהם צו געגעבּען חשק אוים צו פיינען זיך, בּעוויזען זיינע בּריהשאַפּטען, נאָר מאַך עפּעס מיט׳ן שטן? — ער האָט דיא לעצטע כחות אויך צו גענומען.

יקותיאל האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, אין דיא גוטע יאָהרען, האָט ער געקענט אַפּיינעם זמר׳ל צום „מסוד“ אַמאָל, אַפילו שוין גאַנץ לאַנג, ווען ער האָט עס געזונגען מיט צוויא משוררים׳לאַך, האָט ער גאַנץ פיין אויסגענומען, אַלע זיינען געווען פערוואונדערט און ניט געקאָנט איהם אָב לויבּען, אַלזאָ האָט ער גענומען פּרובּען זיין מזל, טאָמער וועט זיך איהם איצט אויך איינגעבּען.

ער האָט אָנגעהייבּען. אָט וויל ער אוים דרעהען אויפ׳ן קול דעם „אפתחה פי“, דער מויל האָט זיך אַפילו געעפּענט, נאָר קיין קול איז אַרין ניטאָ.

— אָ—אָ—אָ! און מעהר איז קיין וואָרטער ניטאָ.

ער האָט אויפגעהייבּען דיא אויגען צום בּאַלקען, נאָר דער פערדריבּערטער שוואַרצער בּאַלקען איז געווען מרה שחורה׳דיג און פערשוויצט, עס האָט פון איהם געקאַפּעט, וויא קאַפּלים טרערען.

עס קאָן זיין, אַז ער איינער האָט געוויינט אויף יקותיאל׳ס יסורים און מאַטערנים, דער עולם אָבער האָט גאָר געקייכט פון געלעכטער.

(דער חזן) יקותיאל

יקותיאל איז געווען בייז, צו רייצט, אזש ביז משוגע, ער וואלט, דאכט זיך, וויכט געמאכט די גאנצע וועלט; ער וואלט, דאכט זיך, מיט זיינע תפילות צו בראכען אלע אייזערנע ריגלען פון די שערי שמים, נאר די טויערען פון הימעל זיינען פערשלאסען, און דער ארעמער יקותיאל איז שוין נאר אהן כוחות — די לעצטע כוחה פערלארען.

—אָ—אָ—אָ!! — שרעקליך שווער און הייזעריג שרייהט יקותיאל אוים נאך אמאל, און מעהר געהט ניט, חאטש צוא ביים זיך.

דער ברוגז'דיגער בעל הבית אייקעט, נוקעט, די יונגע עזות-פנים'ער קאן מען גאר ניט איין שטילען זייער געלעכטער, און ווער קאן ארויס געבען, וואס עס האט דאן געפיהלט דער אונגליקליכער יקותיאל? — עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האָרט עס ניט קיין געלעכטער, זאנדערען געוויין, דאס וויינען זיינע ערוואקסענע טאכטער, דאס יאמערען זיינע קליינע קינדער, זיי נעזעגענען זיך עס מיט איהם, און איהם, פיהלט ער, רייסט מען עפעס אפ פון זיי, מען פערטרייבט איהם עפעס אין א ווייטען, ווייטען וועג...

ער דרעהט זיך אין דרייען, ווארפט זיך, צאפעלט זיך, נאר אומזיסט! ער שטארצעט אוים נאך אמאל זיינע אויגען צום באלקען, ער וויל דער לאנגען מיט זיינע שארפע בליקען די טויערען פון הימעל, נאר די „שערי שמים" זיינען ווייט און פעסט איינגעשלאסען, און דער באלקען איז שווארץ און פער רויכערט...

דער עולם לאכט נאך.

— נו, זאל שוין נעמען א סוף, — האט אזאג געטאן איינער, — אהער אדער אהין, נאר איין עק.

— איין עק ווילסט דו? װארט נאך ווארט, עסען װעט

מען פייא נסייא ניט געבען, זאל ער זיך פאטערען "דער מאג איז נאך גרויס.

—א—א! — פרובט זיך יקותיאל נאך אמאל — א—א— אפתחה פי! — האט ער ענדליך וויא גאר ניט מיט זיין קול אויס געשריען, אונ פון דאמאלסט אן אונ ווייטער האבען זיך אלין געלאזט הערען קולות העכערע אונ ניעדעריגע, שוואכערע אונ שטארקערע :

דער עולם איז פערוואונדערט, — פון וואנען האבען זיך דאס בייא דעם אונגליקליכען חזן גענומען כוחות אונ אזא שטים?

— אט דאס הייסט איין אלטער חזן!

— אהן האר אונ אהן אויגען אונ אלין נאך אגבור! — האט אזאג געטאן איינער פון דעם עולם, וואס האט זיך געריבענט פאר אבקי אין דיא שווארצע פינטלאך.

— אט איז אחזן!

— נ—נ—נו!

— ש—ש—ששא!

אונ דער קול האט זיך געצויגען ווייטער אונ ווייטער, קיינער האט ניט געוואוסט, וואס דאס בעדייט, עפעס מורא'דיג, שוידערליך איז געווען צוא הערען, אלע זיינען פערשטוינט געבליבען, געשטומט אונ געשוידערט, נאר עס האט געדויערט ניט לאנג: ווען דער ארעמער יקותיאל, דער אונגליקליכער חזן, איז דעם ערסטען מאל געפאלען „כורעים", האט מען איהם שוין אויף געהייבען — אטייטען...

באלד האט מען זיך דערפון דער וואוסט אין „ביעדניאסק", אין „קלעמעניץ", אין „פיינאוקע" אונ אין דעם גאנצען געגענד, אונ אומעטום האט מען גערעט וועגען יקותיאל'ן, וועלכען אללע האבען איהם איצונד שוין פערגאטערט.

(דער חזן) אצדים

— אַצַדִיק תָּמִים .

— שְׁטַארְבֶּען אִין אַזַא טָאג .

— אִין רֶעכְטֶען יוֹם הַדִין .

— אוּנ נָאך וִוי א גֶעשְׁטָארְבֶּען !

— אַהֵיילִינֶער טוֹיְדט .

— פָּשׁוּט „בִּנְשִׁיקָה" !

— אוּנ פִיעל הָאבֶּען אִיהם אִיצְט מְקַנֵא גֶעוֶועזֶען , אוּנ גֶעווּאוּנְשֶׁען דִי, אַזַא זִיכֶען טוֹיְדט . . .

ע נ ד ע

(דער תם)

אמענש אהן אהארץ.

1.

די וואונדערבארע שיינהייט.

וויא ער האט זיא דער זעהען, האט ער געפיהלט, אז עפעס האט אצאפעל געטאן אונטער זיין ברוסט, עס איז איהם געווארען ניט געוואהנליך, ניט וויא שטענדיג, וויא ביז איצט, אונ האט פון איהר דיא אויגען ניט געקענט אראב נעמען.

דער זעהען האט ער זיא אין רעכטען מיטען זומערדיגען טאג, דיא זוננע פון אויבען האט געווארעמט אונ געברענט, זיין פנים האט געפלאמט, שווייס האט פון איהם געגאסען טייכען; עס האט איהם זעהר געדורשט אונ זיא האט געראדע געטראגען אפלאש קאלטע מילך, ער האט געבעטען ביי איהר דאס מילך, זיא האט אויף איהם אכוק געטאן מיט איהרע צוויי שווארצע אויגען אונ אויף איהם אפנים רחמנות געהאט. זיא האט איהם דאס מילך אוועק געגעבען, אלאנגע צייט האט ער דאס פלאש געהאלטען, אונ דיא האנד האבען זיך ביי איהם געטרייסעלט וויא פון פיבער, ער האט זיינע אויגען ניט אראב גענומען פון דער זעלטענער שיינהייט, העלבע ער זעהט דעם ערשטען מאל אין זיין לעבען נאך אזא חנעווודינגע האט ער קיין מאל ניט געזעהען, אונ עס האט זיך איהם געגלויבט, אז דאס איז ניט קיין מענש, נאר אמלאך פון הימעל. ער האט געקוקט אויף דער הימלישער טאכטער, אונ אונטער זיין ברוסט האט זיך בעוועגט עפעס וויא אמענשליכעס הערץ; ער האט געפיהלט אזעלכעס, וואס ער האט קיין מאל ניט געפילט, אונ דער ערסט אריינגעקומענער אורח, דאס מענשליכע הערץ, האט זיך

עפעס אזוי שטארק בעוועגט, אונ אזוי געקלאפט.

— ווער זייט איהר? — האט ער זיא געפרעגט —

— איך בין דא דעם קרעטשמערס טאכטער, — האט זיא געענטפערט, אונ ווער זיינען זייא?

— איך בין אדאלף הארטמאן, וואס איז אהער געקומען אויף דאטשע.

— זיינען מיר נאהענטע שכנים,

— איך בין דערפון העכסט צו פריעדען, מען קאן פיליינט האבען דיא עהרע אריינגעהן צו זייא אין הויז?

— מיט דיא גרעסטע געפעליגקייט. מיינע עלטערען וועלען זיין זעהר צופרידען מיט אזא גאסט, מיר האבען פון אייך שוין לאנג געהערט.

איהרע ווערטער האבען איהם זייער דערפרייט, אזעלכע פריידען האט ער עפעס קיין מאל ניט געפיהלט.

— איך בעדאנק אייך זייער, איהר האט מיר פשוט מיין לעבען גערעטעט, עס האט מיר זייער געדורשט, — האט ער געזאגט, אבגעבענדיג איהר צוריק דאס ליידיגע פלאש.

— ביטע בעזוכען זייא אונז, — האט זיא געזאגט אונ איז אוועק אין איהר וועג.

ער איז געשטאנען אונ נאכגעקוקט אויף איהר, ביז זיא איז פערשוואונדען געווארען, דאן האט ער זיך ארום געקוקט אויף אלע זייטען, ער איז ווידער אליין, אונ אין דיא אויגען האבען זיך איהם געשטעלט טרערען.

דאס זיינען דיא ערשטע טרערען אין זיין לעבען, אונ וויא זיס דיא זיינען, איהם געווען!

— אוואונדערבארע שיינהייט! — האט ער ניט איין מאל איבער געדעט, אונ עס איז איהם שווער געווען צו שיידען זיך מיט דעם ארט, וואו זיא איז ניט לאנג קענען איהם געשטאנען.

2.

אלץ אהן אהערץ.

ביז איצט האט דער הערר הארטמאן געפיהלט קיין פריידען און קיין ליידען, ער האט קיין מאל ניט געוויינט און ניט געלאכט, ער האט זיך ניט געערגט קיין מאל, ניט געשראקען, און פון קיין זאך קיין התפעלות ניט געהאט, ער איז געוועזן פשוט אהן אהערץ, און איז דערפון געוועזן ניט צופריעדען, עס האט זיך איהם געוואללט האבען אהערץ, וויא אללע מענשען, און וואס האט ער שוין ניט צו טאהן?

דיא ערשטע זאך האט ער זיך גענומען צוא בילדונג, אסך געלעהרענט, געטראכט און געקלעהרט. עס האט זיך איהם געוואלט ערקלעהרען נייע ערפינדונג, ענטדעקען פיעל סודות פון דער נאטור, און בריינגען גרויסע נוטצען דער וועלט, אפשר וועט דורך דעם ערוועקען אין איהם איין מענשליכעס הערץ. אלאנגע צייט האט ער געטראכט, ער איז אום געגאנגען אזוי פערקלעהרט, אז איין מאל איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן גאס, און איז צרויף אויף אקליין קינד, וואס איז זיך געשטאנען ניט ווייט פון דער מוטטער, דאס קינד איז געפאלען און צו שלאגען דעם קאפ אן דיא שטיינער. עס איז געווארען אטומאטאכע, דאס קינד האט מען אויפגעהויבען אצובלוטיגטע, זיא האט געשריהען, דיא מוטטער האט געחלשת, אלע האבען געבראכען מיט דיא האנד. די סצענע איז טאקע ריהרענד געוועזן, ער אבער איז זיך גלייכגילטיג געשטאנען, ער האט ניט געפיהלט ניט קיין שרעק און ניט קיין רחמנות. מען האט איהם גענומען זידלען, וויא נעהמט עס אמענש אהן אויגען, דיא אונגליקליכע מוטטער האט איהם גענומען שעלטען, איהם אבער האט דאס ניט געארט, און איז זיך גאנץ רוהיג אוועק אין זיין וועג; אלאנגע צייט האט ער נאך געקלעהרט, ביז ער האט טאקע ערפונדען דיא נייסטע המצאות, זיין נאמען האט זיך געלאזט הערען פון איין עק וועלט,

(דער חזן) אין

אין דעם צווייטען, אומעטום האט מען וועגען איהם גערעדט אלע פון נאהענט פון ווייט האבען איהם געלויבט און געדאנקט, ער אבער האט דערפון אויך קיין התפעלות ניט געהאט, און איז זיך ווייטער געבליעבען קאלט ווי אייז, און גאר נישט געפיהלט.

— שלעכט! נאך אלץ אהן אהערץ... האט ער זיך געטראכט.

ער האט אוועק געווארפען זיינע חקירות, און זיך גענומען פאר'ן האנדעל, און געמאכט גוטע געשעפטען, זיינע עשירות האבען זיך געמעהרט פון טאג, און קיין הערץ האט ער נאך אלץ ניט געהאט... האט ער אן געהויבען צו ווערען אבעל צדקה, אפשר וועט זיך דאדורך ערוועקען איהם איין מענשליכעס הערץ.

פון אללע עקען וועלט האבען זיך געלאזען צו איהם ארעמע לייט מיט פערשיעדענע בקשות, מען האט געוויינט, געקלאגט, דער צאהלט איהם שוידערליכע מעשיות, פון פערשידענע אונגליקען, וואס עס טרעפט מענשען, ער האט געהערט, און איז זיך אלץ געבליעבען גלייכגילטיג, ניט בעריהרט איז ער געווארען, און קיין רחמנות האט זיך אין איהם ניט ערוועקט, דאך האט ער קיינעם ניט ענטזאגט, געהאלפען יעדערען מיט וואס נאר מאגליך און זיין נאמען האט זיך ווידער געלאזט הארען, אומעטום האט מען וועגען איהם גערעדט, אללע פון נאהענט פון ווייט האבען איהם געלויבט און געדאנקט, ער אבער האט דערפון אויך קיין התפעלות ניט געהאט, און איז זיך ווייטער געבליעבען קאלט, ווי אייז און גאר נישט געפיהלט.

— שלעכט! נאך אלץ אהן אהערץ... האט ער זיך געטראכט, און עס האט זיך איהם געוואלט האבען אהערץ, נאר ער האט זיך שוין מיאש געווען דערפון, און זיך בעשלאססען ערוויטערען זיך פון מענשען, און רוהען אין אשטיללען ווינקעל און דער פאר איז ער געקומען אהער אין „פיינאווקע“.

(דער הזן) כשופרינ

כשופדינג איז דיא ליעבע.

באלד וויא מען האט דער הארט אין פיינאוו ע, אז ביא דעם אדון פון סאיאנטאק האט געדונגען אדאטשע דער בעוואוסטער הארטמאן, האבען זיך אללע זעהר דערפרייט.

דער וויזקטה האט פערפוצט זיין דאטשע מיט וואס נאר מאגליך איז, וייל ער האט געוואוסט, אז ער וועט גוט בעצאהלט ווערען, דיא ארומיגע ארמע פויערים אונ דיא ישובניקעס האבען זיך אויך דערפרייט מיט דער גוטער בשורה, זייא האבען געהאפט, אז ער וועט זייא געווים בעהילפיג זיין אין דעם וואס זייא איז נייטהיג אונ צללע האבען געאיילט מיט גרוים כבוד בעגעגענען דעם גרויסען פילאזאף, דעם בערימטען נדבן אונ דעם גרויסען גביר, דעם הערר'ן הארטמאן, הארטמאן איז אבער גאר ניט נתפעל געווארען פון דעם גאנצען כבוד, וואס מען האט איהם דא פערשאפט, אונ ניט בעריהרט איז ער געווארען פון דיא אללע אונגליקען אונ צרות, וואס עס האבען איהם דערצאהלט דיא, וואס זענען געקומען בעטען ביא איהם היקף.

ער איז אוועקגעגאנגען שפאציערען, אונ אגאנץ לאנגע צייט ארום געשפאציערט, ער איז גוט פערמאטערט געווארען, אונ דאס האט איהם אויך ניט געארט.

— אפשר, — האט ער געטראכט, וועט דאס ערוועקען אין מיר אמענשליכע הערץ, אונ ער איז זיך וייטער ארום געגאנגען, דער טאג איז געוועען עכט זומערדיג, דיא זאנגע האט געברענט, וויא מיט פייער, עס האט איהם זעהר געדורשט, אונ דא איז ער אין מיטען פעלד ניטא קיין טייכעל אפילו קיין בוים, נאר דאס האט איהם אויך שטארק ניט געקריינקט, אונ איז זיך רוהיג געגאנגען צוריק אהיים, נאר דא האט ער זיך אנגעגענט מיט דעם קרעטשמערס יונגע טאכטער מיט דער שיינער

(דער חזן) רייזעלע

געווארען, נאך אזא שיינהייט האט ער נאך ביז איצט ניט געזעהן,
ער האט זיך געמוזט אפשטעלען און פערקוקען זיך אויף איהר.
זיא איז געווען אפילו פראכט און ארעם געקליידעט, נאר זיא איז
געווען אזוי חנעוודיג, אזוי צויבערליך, אז וויא נאר ער האט
אויף איהר אקוק געטאהן, האט ער באלד דער הארט, אז עפעס
וויא א פרייע פויגעל איז צו איהם אריינגעפלויגען און באלד האט
ער דערפיהלט אטיאכקע פון אמענשליכעם הערץ, און דאס ערשט
געקומענע הערץ האט זיך צוריק געריסען ארויס צו דאס מיידכען,
וואס האט אויף איהם געקוקט מיט איהרע צוויא שווארצע אויגען,
וועלכע זיינען פול געווען מיט טוגענד און ליבע.

איהר שטימע האט איהם אין זיינע אויהרען געקלונגען,
איהרע פריינדליכע ווערטער האבען איהם זעהר דערפרייט, און
ער האט דערפיהלט דעם טעם פון מענשליכע פריידען אויף דער
ערד, דער פאר ווען זיא איז אוועק, ווען זיא האט זיך ערווייטערט
פון איהם, איז איהם עפעס געווארען אזוי משונה טרויעריג, אז
טרערען האבען זיך איהם געשטעלט אין דיא אויגען, און ער
האט דערפיהלט דעם טעם פון וויינען!

ניט לאנג איז ער געשטאנען אזוי פערדולט, ער איז באלד
אוועק צום קרעטשמער.

רייזעלע מיט איהרע עלטערען האבען זיך מיט דעם
אונערווארטענדען גאסט זעהר דערפרייט, און גאר ניט געוואוסט
מיט וואס פאר אכבוד איהם אויפצונעמען, הארטמאנ'ס נייעס
הערץ איז צו ווייקט געווארען פון געפיהלען, און ער האט זיך
געוואונדערט וויא אזוי האט ער עס געקאנגט זיין אזוי גלייכגילטיג
ביי אזעלכע סצענעס...

פון דאמאלסט אן איז ער שוין אפט געגאנגען צום ארעמען
קרעטשמער און זיך פון רייזעלען גאר ניט געקאנט אפרייסען, ער
האט זיך מיט איהר גאר ניט געקאנט שיידען, ער האט שוין גוט

געוואוקסט, וויא שטארק ער איז פערליבט אט אין דער אָרעמער שיינער רייזעלען, אונ בישופרינג איז זיין ליעבע געווען ! וואס מעהרער ער האט רייזעלען אנגעהויבען ליעבען, אלץ מעהרער האט ער דערפיהלט, אז ער האט שוין אויך אמענשליכעס הערץ, אלץ מעהרער האט ער פערזוכט די זיסקייט אונ ביטערניס פון מענשליכען לעבען אויף דער ערד...

4.

די אמת'ע סבה.

רייזעלע האט איהם אויך געליעבט, אונ ער איז שוין וועקבה'ן געווען, דען נאר אנדערש איז ער שוין איצט געווארען, ער האט שוין גאר אנדערש אויף מענשען געקוקט, ער האט שוין ניט געקאנט זיין גלייכגילטיג, זעהענדיג אונגליק, דלות אונ עלענד, דאס האט איהם געקרענקט ביז טהרערען, עס האט איהם געוועהטיגט, גערירט דאס מענשליכע הערץ, אונ בעגענענדיג ערגעבענקייט, טרייהשאפט אונ ליעבע איז זיין הערץ צו ריקט געווארען פון געפיהלען.

— זאג מיר, מיין פריינד, וואס פאר צרה איז עס אין דיר? — האט ער אמאל ביי רייזעלען געפרעגט — איידער איך האב דיך דער קאנט בין איך געווען אזוי פרעמד אויף דער וועלט, אזוי ווייט פון מענשען, אז עס האט מיך קיין זאך ניט גערירט, איך האב קיין מאל ניט געלאכט אונ ניט געוויינט; קיין מאל ניט געקלאגט אונ ניט געפריידט, עס האט מיך קיין זאך ניט געצערט, פונקט וויא איך בין עפעס אפגעזאנדערט פון אלעמען אונ פון אלעס. איך האב אין זיך ניט געהאט קיין הערץ, אונ האב עס ניט געפונען ניט אין בילדונג, אונ ניט אין רייכטהום; ניט אין מיינע ערפינדונגען אונ[ד] ניט אין מיינע צדקות, אונ דוא איינע מיט דיינע שארפע בליקען האסט אין מיר ערוועקט אמענשליכע הערץ, אונ האסט מיך פערבונדען מיט

(דער חזן) וועלט

וועלט און מענשען , זאג מיר , מיין לעבען , וואס פאר א[illegible] אי
עס אין דיר ?

— איך האב קיין זאנדערבארען כח ניט , מיין פריינד , — האט איהם רייזעלע געאנטפערט , — ניט קיין בילדונג , ניט קיין רייכטהום , האבען געקאנט ערוועקען אין דיר איין מענשליכעס הערץ , ווייל זייא האבען ערוועקט אין דיר שטאלץ , דיינע ערפינדונגען און דיינע צדקות , וויא נוטצליך זייא זיינען געוועזען מענשען , אלץ האבען זייא דיר ווייניג נוטצען געבראכט , ווייל זייא האבען דיך אויפגעהויבען הויך , פון דער הויך האסט דוא אויף מענשען געקוקט , דערפאר ביזט דוא געוועזען ווייט און אפגעזאנדערט פון זייא . ניט אזוי אבער איז דיר געשעהען , ווען עס איז צוא דיר געקומען דיא ריינע ליעבע . דיא ליעבע האט ערוועקט אין דיר א מענשליכעס הערץ , מיט מענשליכע געפיהלען , זיא האט דיך פערבונדען מיט דער וועלט און צו געצויגען צו מענשען , און זיא האט דיך געלאזען פיהלען דיא זיסקייט און ביטערניס פון מענשליכען לעבען אויף דער ערד ...

רייזעלע איז געוועזען גערעכט , זינד ער האט זיא דערקאנט האט ער שוין געלאכט און געוויינט , און וויא ער האט נאר אנגעהויבען צו ליעבען , האט ער שוין בעקומען א מענשליכעס הערץ ...